ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## תרומה

**(חלק טז — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת תרומה, פ׳ זכור, ב־ח אדר, ה׳תשפ״א (א)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2021
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תרומה

א. אין התחלת הסדרה איז רש״י מעתיק פון פסוק די ווערטער „ויקחו לי תרומה״ און איז מפרש „לי לשמי״.

וואָס איז דאָ שווער אין די ווערטער, וואָס רש״י דאַרף בכלל מפרש זיין? — זאָגן מפרשים[1]:

דער פשוט׳ער טייטש פון „ויקחו לי״ איז „צו מיר״ — ד. ה. צו געבן דאָס דעם אויבערשטן, און דאָס קען מען דאָך ניט זאָגן כלפי דעם אויבערשטן, וואָרום: א) ווי איז שייך זאָגן אַז מ׳גיט אים עפּעס אָדער אַז ער דאַרף צו דעם אָנקומען[2] — ס׳איז דאָך „לה׳ הארץ ומלואה״[3], אַלץ באַלאַנגט דאָך צו אים און „אם ארעב לא אמר לך״[4]. ב) דער וואָרט „לי״ ווייזט אַז די שייכות פון דער זאַך „צו מיר״ איז דורך (קיחה) לקרב — און דאָס פּאַסט בלויז בנוגע צו אַ דבר גשמי, משא״כ באַ דעם אויבערשטן, וואָס „אינו גוף כו׳ ואין לו שום דמות וצורה כו׳״[5].

און דעריבער דאַרף רש״י מפרש זיין אַז „לי״ מיינט „לשמי״.

עס איז אָבער שווער אַזוי צו איינלערנען, וואָרום [נוסף אויף דעם וואָס דערמאָלט איז ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס רש״י איז מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער[6] „ויקחו״ און „תרומה״[7], וויבאַלד די שווערקייט און דער ביאור פון רש״י איז נאָר אין וואָרט „לי״[8]]

מען געפינט אַזעלכע לשונות, מיטן זעלבן מכוון (בשייכות צו דעם אויבערשטן) אין פריערדיקע פסוקים „עשר אעשרנו לך״[9], „קדש לי כל בכור״[10] וכיו״ב, און רש״י באַוואָרנט דאָרט ניט[11] אַז דאָס מיינט ניט, כפשוטו, „צו״ אָדער „צוליב״ דעם אויבערשטן.

פון דעם איז מוכח אַז ניט דאָס איז ביי רש״י שווער אין פשש״מ און ער דאַרף ניט שולל זיין דעם פירוש הנ״ל. און דאָס איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, ווייל ווען מ׳איז (מעשר) מקדיש אַ זאַך פאַר דעם אויבערשטן מיינט עס ניט אַז דער אויבערשטער דאַרף צו דעם ח״ו אָנקומען וכיו״ב.

---

1) ראה רא״ם, ספר זכרון, פי׳ מהרי״ק, גו״א, באר מים חיים, דבק טוב. ועוד.

2) שני הענינים שבפנים, שאין שייך שיתנו לו, ושאין צריך לשום דבר — הם לכאורה ב׳ ענינים שתלויים בפי׳ „ויקחו לי״, אם מפני שהנתינה היא לו (אליו) או מפני שהנתינה היא לצרכו כביכול; וע״ז הובאו ב׳ הפסוקים דלקמן לענין הא׳ לה׳ הארץ ומלואה ולענין הב׳ אם ארעב גו׳.

ובמפרשים הנ״ל מדגישים בעיקר ענין ופי׳ הב׳ (ספר זכרון, באר מים חיים, פי׳ מהרי״ק. ועד״ז בדקדוקי רש״י כאן). ובלבוש האורה ושפ״ח הוא בענין הא׳ דהכל שלו.

ויל״ע ברא״ם „לא כסתם לי שבמקרא המורה להבאת דבר אל העצם״ ומביא פסוק הב׳ (אם ארעב גו׳). ובגו״א הביא ב׳ הפסוקים.

3) תהלים כד, א.

4) תהלים נ, יב.

5) דקדוקי רש״י (באר רחובות) כאן.

6) כי אין לומר שזהו בכדי לציין התחלת הסדרה — כי כמדובר כמ״פ אין דרכו של רש״י בכך (ראה לקו״ש חי״ב ע׳ 78 הערה 2).

7) ובדפוס א׳ דרש״י, וא׳ מכת״י רש״י — לא העתיק תיבת תרומה בהד״ה.

8) וכמודגש גם בזה שמעתיק בפירושו (עוה״פ) „לי לשמי״. ולהעיר שבדפוס א׳ ובאחדים מכת״י רש״י לא העתיק תיבת „לי״ עוה״פ בפירושו. אבל בדפוס שני וברוב הדפוסים וכת״י הוא כבפנים.

9) ויצא כח, כב.

10) בא יג, ב.

11) כמו שהקשה במשכיל לדוד עה״פ.

ב. לכאורה קען מען זאָגן אַז „ויקחו לי" איז ניט גלייך צום לשון „עשר אעשרנו לך", „קדש לי" וכיו"ב, וואָרום אין „ויקחו לי" שטייט ניט אַז מ'זאָל דאָס מקדיש זיין צום אויבערשטן וכיו"ב, נאָר – „נעמען"; און דאָס פּאַסט ניט[12] מצד די טעמים הנ"ל[13]. דעריבער מוז רש"י זאָגן „לי לשמי". און דערמיט ווערט אויך פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס רש"י איז מעתיק אויך דעם וואָרט „ויקחו"[14].

אָבער לפ"ז וואָלט געווען גלאַטער ווען רש"י איז מפרש אַז „ויקחו לי" מיינט: זיי זאָלן מקדיש זיין (צו מיר[15]).

ג. אַנדערע מפרשים[16] לערנען אַז רש"י'ן איז דאָ שווער דער לשון „ויקחו לי": עס האָט געדאַרפט שטיין „ויתנו לי"[17], און אויף דעם זאָגט רש"י „לי לשמי", און ער מיינט דערמיט צו מרמז זיין אַז דורך תרומה נעמט מען דעם אויבערשטן, ע"ד ווי מאמר המדרש[18], אַז כאָטש לה' הארץ ומלואה, וויל ער משכין זיין שכינתו צווישן אידן, אותי אתם לוקחים[19]. אָבער מ'קען דאָך ניט זאָגן אַז מ'נעמט דעם אויבערשטן אַליין, וואָרום „השמים ושמי השמים לא יכלכלוך גו'"[20], דעריבער זאָגט רש"י „לי לשמי", אַז שמו ית' איז חל עליהם דורך דער תרומה ובנין הבית (ע"ד „ושמו את שמי על בני ישראל"[21]).

אָבער ווי גערעדט שוין פיל מאָל איז רש"י'ס פירוש וביאור געשריבן אין אַ קלאָרן סגנון ביז אַז אויך אַ בן חמש (למקרא) זאָל עס קענען פאַרשטיין (פון זיינע ווערטער גופא, און ניט דאַרפן אַריינקוקן אין מפרשי רש"י). אויב רש"י וואָלט געמיינט דעם תוכן הנ"ל, וואָלט ער עס מפרש געווען ברור און ניט דורך אַ רמז מיט'ן וואָרט „לשמי"[22].

12) ואין להקשות מהלשון „קחה לי" (לך טו, ט) שלא ביארו רש"י איך יתכן לגבי הקב"ה – כי י"ל, שמובן הוא מפרש"י שם „ג' עגלים רמז לג' פרים פר יוהכ"פ כו'", וכן בפרש"י לפנ"ז „בזכות הקרבנות כו'", שמזה מובן שגם „קחה לי" הוא כענין של קרבן*. וראה ת"א שם „קריב קדמי", ולא כמו שתרגם בכ"מ „סב"** וכיו"ב. ובתיב"ע שם „סב לי תקרובתין וקריב קדמי". ועד"ז בפסוק יו"ד שם. וראה פרש"י שם יוד: ואין המקרא יוצא מידי פשוטו לפי שהי' כו'.

– ובהפסוקים דפ' במדבר (ג, יב־יג. מא. מה) שנאמר לשון לקיחה לי על הלוים, כבר מובן ענינו שהרי נאמר שזה תחת כל בכור ש„הקדשתי לי". וראה פרש"י בפסוקים הנ"ל. וראה הערה הבאה.

13) משא"כ לשון „לי הוא" – בא שם – שפרש"י „לעצמי קניתים". ועד"ז במשפטים (כב, ל) „תהיון לי" ופרש"י „הרי אתם שלי" – אין רש"י צריך לבאר, כי לא נאמר ענין של קיחה וכיו"ב.

14) להעיר מהגירסא בדפוס א' וכת"י רש"י (הנ"ל הערה 7). ובעוד כת"י (ה"א קלא. ה"א קעג) מעתיק רש"י בהד"ה „ויקחו לי תרומה", ומפרש „ויקחו לי לשמי".

*) שהוא לה' כמפורש כבר בתורה לפנ"ז – מתחיל מקרבן קין כו' „מנחה לה'" (בראשית ד, ג), ועוד.

**) בפרשתנו ב„תקחו את תרומתי" – תסבון, וזאת התרומה אשר תקחו מאתם – תסבון. משא"כ בפעם הא' „**ויקחו** לי תרומה" תרגום „**ויפרשון** קדמי" (וראה הערה 23). אבל בתיב"ע תרגם בכולם „יסבון", „תסבון", „תסבון".

15) ראה לעיל הערה 12.

16) משכיל לדוד בפרש"י. וראה בפי' מהרי"ק.

17) ראה גם לבוש האורה, באר מים חיים בפרש"י (אלא שלפירושם קאי על ההפרשה לשמי (וראה לקמן הערה 23)).

18) יל"ש עה"פ (רמז שסג) ממדרש אבכיר.

19) וראה שמו"ר פל"ג, א. שם, ו.

20) מלכים א ח, כז.

21) נשא ו, כז.

22) להעיר שבדפוס ב' דרש"י (ועד"ז באחדים מכת"י רש"י) בסיום פרש"י ד"ה תרומה איתא: ומדרש אגדה ויקחו תרומה אין כתיב כאן אלא ויקחו לי כביכול אותי אתם לוקחים שאדור ביניכם.

ד. ווי דערמאָנט פריער, איז רש״י דאָ מעתיק פון פסוק אויך דעם וואָרט „תרומה״. און דערפון איז מוכח אַז דער הכרח לפירושו „לי לשמי״ איז ניט פון די ווערטער „ויקחו לי״ אַליין נאָר אויך פון דעם וואָרט „תרומה״. ובהקדים, אַז בשעת רש״י׳ס הכרח אויף אַ פירוש איז פון זיין פירוש אויף אַ שפּעטערדיקן וואָרט אין פסוק, איז ער דאַן פריער מפרש דעם שפּעטערדיקן וואָרט פאַר זיין פירוש אויפן פריערדיקן וואָרט (וויבאַלד אַז זיין פירוש המאוחר איז דער יסוד צום פירוש המוקדם).

ולפ״ז: וויבאַלד אַז דער הכרח אויף „לי לשמי״ איז (אויך) פון דעם וואָרט „תרומה״, און רש״י איז מפרש „תרומה״ נאָך זיין פירוש אויפן וואָרט „לי״[23], איז דערפון משמע אז דער הכרח אויף „לי לשמי״ פון דעם וואָרט תרומה איז ניט פאַרבונדן מיט רש״י׳ס פירוש אויף אָט דעם וואָרט; ד. ה. ווי מ׳זאָל נאָר טייטשן דעם וואָרט תרומה (אפילו ניט ווי פירוש רש״י — „הפרשה״) וועט עס מכריח זיין אַז „לי״ מיינט „לשמי״.

ה. דער ביאור אין דעם:

בפשטות לערנט מען „ויקחו לי״, מ׳זאָל דאָס מקדיש זיין צום אויבערשטן, ד. ה. אַז עס ווערט הקדש, און דאָס איז רש״י שולל מיטן מעתיק זיין „ויקחו לי תרומה״.

„ויקחו״ כפשוטו מיינט, אַז אַ זאַך ווערט גענומען פון איין אָרט אין אַ צווייטן אָרט אָדער פון איין רשות אין אַ צווייטן רשות[24].

„תרומה״ קען מען טייטשן, ע״פ פשוטו של מקרא, אויף צוויי אופנים[25]:

א) ווי רש״י טייטשט „הפרשה״. עס ווערט אָפּגעשיידט פון דעם רשות התורם, פון דעם אידן׳ס בעל הבי־תי׳שקייט, און דורך דער הפרשה (פאַר הקדש) באַקומט עס אַ שייכות[26] צו הקדש.

ב) הרמה והגבהה. וואָס בעת אַזאַ לשון ווערט גענוצט ניט בשייכות צו אַ גש־מיות׳דיקער הרמה, נאָר אין מושג פון בעלות וכיו״ב, הייסט עס אַז די זאַך איז געקומען אין אַ העכערן רשות ובעלות (וע״ד פרש״י[27] אויף „ויקם שדה עפרון״ — „תקומה היתה לו שיצא מיד הדיוט ליד מלך״). און בנדו״ד: די זאַך איז פריער געווען אין דער בעלות פון אַ אידן און איז איצט געקומען אין דער בעלות פון הקדש.

---

23) לכאורה י״ל דהפירוש ברש״י „תרומה, הפרשה יפרשו לי כו״ הוא המשך באותו הד״ה „ויקחו לי תרומה״. ולכן בתחילה מפרש תיבת „לי – לשמי״, ואח״כ מפרש „תרומה – הפרשה״. ולאח״ז ממשיך פי׳ הענין „יפרישו לי כו״ – ע״ד מ״ש בלבוש האורה כאן עה״פ (וה״ק מה היא הלקיחה שנופל עליו לשון לי הוא הפרשה ר״ל בעת שלוקח ומפריש מכיסו מממונו נדבה תהי׳ אותו הלקיחה וההפרשה מכיסו לשמי כו״),

אבל לפ״ז הוצרך רש״י לומר „יפרישו לשמי״. ומזה שכתב רש״י „יפרישו לי כו״ מוכח קצת, שהוא פי׳ בפ״ע בתיבת תרומה, ופי׳ „לי – לשמי״ בהפסוק הוא ענין בפ״ע, כדלקמן.

24) בריש מס׳ קידושין „גמר קיחה קיחה משדה עפרון כו׳ וקיחה איקרי קנין״ – אבל לא הובא בפרש״י עה״ת.

25) אף שע״ע לא למד הבן חמש למקרא תיבת „תרומה״ בחומש – הרי הובא בפרש״י משפטים כב, כח. ובכלל הרי״ז תיבה רגילה בלשון הקודש.

26) ויתירה מזו (ע״ד ההלכה עכ״פ) שע״י ההפרשה עצמה נעשה הקדש, ו„כל היכא דאיתי׳ בבי גזא דרחמנא איתא״ (ר״ה ו, א. חולין קלט, א). ועד שלדעת ר״ל קדשי „בדק הבית גמרן בהפרשתו ואי משום דלא הביאו ליד גזבר הכל גזברין הן דלה׳ הארץ״ (פרש״י חולין שם ד״ה דמיחסר הקרבה).

27) חיי שרה כג, יז.

עפ"ז איז מובן, אַז מ'קען ניט לערנען אַז מיט דעם וואָרט (ויקחו) לי מיינט די תורה דאָס אַוועקגעבן צו הקדש, וואָרום די שייכות צו הקדש שטייט שוין אין די ווערטער „ויקחו" „תרומה" וואָס מיינען אַז דאָס באַלאַנגט איצט צו הקדש (— תרומה) ס'געפינט זיך אין רשות פון הקדש (— ויקחו)[28].

[דער חילוק אין דעם בהתאם צו די צוויי פירושים אין תרומה איז נאָר: אויב „תרומה" איז מלשון הרמה והגבהה — דאַן שטייט דער ענין אַז דאָס ווערט אין דער בעלות פון הקדש נאָר אין דעם וואָרט „תרומה" און „ויקחו" וועט מיינען נאָר דעם ענין פון שינוי רשות, אַז דאָס געפינט זיך אין רשות פון הקדש; און אויב דער פירוש „תרומה" איז מלשון הפרשה, דעמאָלט דאַרף מען זאָגן[29] אַז „ויקחו" מיינט ניט נאָר דעם שינוי רשות, נאָר — דורך דעם ווערט אויך די שלימות הבעלות פון הקדש].

און דעריבער זאָגט רש"י אַז „לי" דאָ מיינט ניט אַז עס ווערט דעם אויי־בערשטנ'ס, הקדש (ע"ד ווי „קדש לי" וכיו"ב), נאָר ס'איז אַ נייער באַזונדער ענין[30] — אַז עס דאַרף זיין „לשמי". דאָס הייסט, אַז נוסף אויף דער נתינה צו הקדש, זאָל זיין נאָך אַן ענין: כוונה לשמה (ע"ד די כוונה לשמה ביי גט, ס"ת וכו') — אַז ביים געבן צו הקדש זאָל מען מכוון זיין אַז מ'גיט עס „לשמי".

ו. עפ"ז יש לומר — אין די „ענינים מופלאים" ע"ד ההלכה שברש"י — אַז אין דעם ענין הנ"ל (אַז ביי די תרומות הנ"ל איז דאָ אַ דין פון כוונה „לשמי") גייט רש"י לשיטתו בפירושו על הש"ס:

עס שטייט אין משנה[31] „אחד קדשי מזבח ואחד קדשי בדק הבית אין משנין אותן מקדושה לקדושה". איז דאָ אין דעם אַ פלוגתא פון רמב"ם מיטן ראב"ד[32]: דער רמב"ם לערנט אַז דער דין איז אויך בנוגע צו בדק הבית גופא — „אם הקדיש לבדק ההיכל לא ישנה לבדק הבית[33], וכן כל כיוצא בזה"; דער ראב"ד אָבער קריגט אויפן רמב"ם און האַלט — „אין שינוי בין קדשי היכל לשאר עזרות ולא למזבח", און ער איז מבאר אַז דער דין אין משנה איז נאָר ביי קדשי מזבח, אַז „קדשי מזבח אפילו מקדשים קלים לחמורים אין משנים ואין ממעטים בא־כילת קדשים, אבל בדק הבית מה יש בין זה לזה".

28) ולהעיר מרע"ב וצדה לדרך כאן דקושיית רש"י דמלת לי היא מיותרת, אלא שהרע"ב מפרש (וראה צדה לדרך) „להשמיענו שתהא התרומה לי כלומר מקודשת לשמי", היינו שיהי' בשביל הקדש ולא הפרשה סתם, ועד"ז בלבוש האורה. ועוד. משא"כ להמבואר לקמן בפנים.

29) אבל לא להנ"ל הערה 26.

30) בפי' מהרש"ל (הובא בצדה לדרך כאן): „שקשה לרש"י שאין הלשון ויקחו נופל על לשון דבר אל בני ישראל אלא הול"ל קחו לכן פירש ויקחו לי לשמי כלומר לא על עצם הקיחה הוא רק שיהי' הקיחה לשמו". אבל לפ"ז: א) לא הו"ל לרש"י להעתיק גם תיבת „תרומה". ב) הו"ל לפרש בפירושו „ויקחו לי לשמי", וכהגירסא בהערה 14.

31) תמורה לב, א.

32) הל' תמורה פ"ד הי"א.

33) בגדר קדושת היכל י"ל שלהרמב"ם נכללה גם מחיצת העזרה — ראה רמב"ם הל' בית הבחירה (פ"א ה"ה): „ועושין מחיצה אחרת סביב להיכל רחוקה ממנו כעין קלעי החצר שהיו במדבר וכל המוקף במחיצה זו שהוא כעין חצר אהל מועד הוא הנקרא עזרה".

דלכאורה מחיצה זו היא בשביל העזרה (מקום שבו עומד המזבח) ולמה קוראו „מחיצה אחרת סביב להיכל" כו', ובפרט שהוא מיותר לכאורה? וי"ל דדינא קמ"ל בזה דמחיצה זו היא בשביל ההיכל וא"כ קדושת היכל לה. ואם הקדיש לבדק היכל נכלל בזה גם מחיצה זו, ועפ"ז גם ע"ז הדין דלא ישנה לבדק המזבח (וראה כס"מ הל' תמורה שם).

רש״י בפירושו על הש״ס איז מפרש די משנה הנ״ל: „(דקדשי בדק הבית שהקדישם למזבח לא עשה כלום) ובקדשי מזבח אין משנין מקדושת עולה לשלמים ומשלמים לעולה״ — אָבער ניט אין קדושת בדק הבית גופא (כשיטת הראב״ד).

ויש לומר אַז דאָס איז אויך פאַרבונדן מיטן דין הנ״ל[34] אַז די נתינה[35] דאַרף זיין „לשמי״[36]: וויבאַלד ער איז מכוון אַז ער גיט עס „לשמי״ — פאַרן אויבערשטן — איז דאָ ניט (אַזוי) נוגע דער ענין פרטי אויף וועלכן ער האָט דאָס מקדיש געווען, אַבי עס איז „לשמי״ עס „קומט אָן״ צום אויבערשטן. און דערפאַר, אויב ער איז דאָס מקדיש פאַר בדק ההיכל, מעג מען דאָס משנה זיין צו בדק המזבח וכיו״ב, ווייל די כוונה „לשמי״[37] איז דאָס (ניט קיין „לשמי״ פרטי פון היכל, נאָר) אַ כוונה כללית „לשמי״ פון בדק הבית.

ז. אויף דעם דין הנ״ל — אַז מען דאַרף מכוון זיין ביי דער נתינה „לשמי״ — קען מען אָבער פרעגן:

צווישן די תרומות וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעם פסוק איז דאָך אויך תרומת המזבח לקנות מהן קרבנות צבור (ווי רש״י זאָגט אויפן פסוק — „אמרו רבותינו ג׳ תרומות אמורות כאן״); ול־כאורה: בנוגע צו תרומת המזבח איז דער דין[38] אַז מ׳נעמט עס בעל כרחו און ממש־כנין על השקלים, היינט ווי זאָגט מען אויף דעם אַז עס דאַרף זיין „לשמי״ — אַ נתינה בע״כ איז דאָך ניט מיט זיין כוונה בכלל, ופשיטא — ניט מיט דער כוונה „לשמי״[39]?

אויך: עס בלייבט נאָך שווער די קו־שיית המפרשים הנ״ל — פאַרוואָס שטייט דאָ „ויקחו לי״ און ניט „ויתנו לי״?

ויש לומר, אַז די קשיות ווערן פאַר־ענטפערט חדא בחבירתא: דער דין פון „לשמי״ (בנוגע צו תרומת המזבח עכ״פ) איז ניט אין דער נתינה — אַז דער איד

34) דתרומת המשכן (המדובר בפרשתנו) הוא של בדק הבית (ראה מגילה כט, ב).

ואף שבפרשתנו מדובר בתרומת המשכן (בדק הבית) סתמית, משא״כ ברמב״ם שם שאיירי בהקדיש (בפירוש) לבדק ההיכל כו׳ — מ״מ י״ל דגם בזה מהני לדעת רש״י הכוונה ד„לשמי״ כבפנים.

35) ראה לקמן סעיף ז׳.

36) ואף שפירש״י להלן (ד״ה תקחו): ג׳ תרומות אמורות כאן א׳ תרומת בקע לגולגולת שנעשו מהם האדנים כו׳ ואחת תרומת המזבח כו׳ ואחת תרומת המשכן (וא״כ „ויקחו לי״ נאמר רק בתרומה הא׳ — תרומת האדנים) —

הרי (אף את״ל דרש״י חשבן כפי הסדר שהם כתובים בתורה (כבירוש׳ שקלים פ״א ה״א) ו„ויקחו לי תרומה״ קאי על תרומת האדנים (ראה משכיל לדוד) —) דוחק לומר שהדין ד„לשמי״ הוא רק בתרומת האדנים. ועוד ועיקר: הרי כתב רש״י ע״ז (ד„ג׳ תרומות אמורות כאן״) „אמרו רבותינו״, אבל בפשוטו, הפרשה כאן מדבר ע״ד תרומת המשכן וע״ז קאי גם „ויקחו לי תרומה״. וראה מפרשי רש״י פסוק ג׳.

37) בנוגע להשינוי מתרומה א׳ לב׳ (כגון: מתרומת המשכן (בדק הבית) ל(שקלים עבור) קרבנות צבור) — יל״ע בדעת רש״י בפשש״מ אם גם בזה מהני הדין ד„לשמי״ שאפשר לשנות או לא.

ע״ד ההלכה — ראה: רמב״ם וראב״ד הל׳ שקלים פ״ד ה״י (וצפע״נ שם וה״ח). ספ״ב מהל׳ ערכין ובמפרשי הרמב״ם שם. צפע״נ שם. מפרשי הירושלמי ספ״ה דשקלים. ועוד. ולהעיר מפרש״י ריש פרשתנו (פסוק ג׳ בסופו): ושאר הכסף הבא שם בנדבה עשאוה לכלי שרת. וראה כתובות קו, ב ובתוד״ה וכי שם. נ״כ הרמב״ם הל׳ שקלים שם ה״ב. ואכ״מ.

38) שקלים פ״א מ״ג. מ״ה. אבל לא הובא בפרש״י כאן או בפ׳ תשא.

39) בפשטות הכתובים אינה קשיא כי הג׳ תרומות רק נרמזו בהג׳ לשונות דתרומה. אבל בפשטות מדבר בהתרומה למלאכת המשכן (כנ״ל הערה 36) שבאה בנדיבות לבו של כ״א.

**דאַרף עס** געבן **„לשמי" — נאָר אין דעם „ויקחו", אין דער „לקיחה" פון די גזברי ההקדש, אַז זיי דאַרפן עס** נעמען **פון די אידן „לשמי"**[40].

[**וואָס דאָס זיינען די צוויי לשונות, „דבר אל** בני ישראל ויקחו **לי תרומה** מאת כל איש **גו'": „דבר אל בני ישראל" גייט אויף די וואָס האָבן גענומען די תרומות — די גזברין, און „כל איש גו'" אויף אַלע אידן וואָס גיבן כו'**].

**און דערפאַר איז ניט קיין סתירה ווען די נתינה פון דעם אידן איז בע"כ — ווייל דער „ויקחו" די לקיחה פון די גזברין, איז „לשמי".**

**ח. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין בפנימיות הענינים:**

**וויבאַלד אַז די תרומה (מחצית השקל) קען זיין אויך בע"כ פון דעם נותן, הייסט עס דאָך, אַז ביי דער** תרומה **זיינען ניט נוגע קיין כוונות (ניט ווי ביי דער תרומה למלאכת המשכן וואָס ווערט געגעבן בנדיבות הלב), ס'איז בלויז נוגע אַז ס'זאָל אָנקומען צו הקדש, היינט פאַרוואָס דאַרף מען דערביי דעם „לשמי" פון די גזברים וואָס נעמען די תרומות?**

**בפשטות י"ל, אַז דאָס איז ע"ד מאמר רז"ל**[41] **אַז „פרנס אל יטיל אימה על הצבור שלא לשם שמים": וויבאַלד אַז זייער אַרבעט איז נעמען ביי די אידן די תרומות (אפילו) בע"כ, איז דערביי במיוחד וויכטיק אַז עס זאָל זיך ביי זיי ניט אַריינמישן קיין שום פני', דאַרף מען דעריבער באַוואָרענען זייער לקיחה אַז זי זאָל זיין „לשמי", פאַר דעם אויבערשטנ'ס וועגן.**

**דאָס איז אָבער ניט גלאַטיק: לפ"ז איז דער ענין פון „לשמי" ניט נוגע צו (דער לקיחה פון) דער** תרומה, **נאָר צו די גזב־רין, אַז ביי** זיי **דאַרף עס זיין לש"ש; פון פשטות הלשון והענין איז אָבער משמע אַז ס'איז נוגע אין (דער לקיחה פון) דער** תרומה **אַז** זי **זאָל זיין „לי — לשמי".**

**ט. איז דער ביאור אין דעם:**

**די נתינת התרומה איז געווען פאַר דעם משכן און די קרבנות, אויף מאַכן אין דעם משכן אַ דירה לו ית' ועל ידו — בכל העולם כולו.**

**אין דער עשי' פון אַ דירה, זי זאָל זיין ראוי פאַר אַ דירת מלך, דאַרפן זיין צוויי ענינים „צריכים לפנות ההיכל מכל לכ־לוך .. ואח"כ לסדר שם כלים נאים"**[42]**. וואָס אין עבודת ה' זיינען דאָס די צוויי ענינים פון סור מרע ועשה טוב. דער חילוק צווישן זיי איז: די עבודה פון** סור **מרע איז (נאָר) אַ הכנה והקדמה צו עשיית הדירה; די עשיית הדירה בפועל — די המשכת אלקות אין דברים גשמיים זיי זאָלן ווערן אַ דירה פאַר דעם אױי־בערשטן — דאָס איז דורך „**ועשה **טוב"**[42].

**און דעריבער איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם אופן העבודה פון סור מרע ועשה טוב, כמבואר אין חסידות**[43]**: אין דער עבודה פון סור מרע איז נוגע בעיקר דער** בפועל, **ס'איז ניט אַזוי נוגע אין וואָס פאַר אַן אופן ער פועל'ט באַ זיך**

40) ראה אברבנאל, ספורנו עה"פ. וראה העמק שאלה לשאילתות ריש פרשתנו.

41) ר"ה יז, א. ספר חסידים סי' קמה.

42) לקו"ת בלק ע, ג. וראה שם שלח לו, ד. ובכ"מ.

43) ד"ה ויחלום תש"ח פ"ג ואילך.

ניט צו עובר זיין אויפן רצון העליון, אפילו אויב ער טוט עס לגרמי׳ ומיראת העונש וכיו״ב; משא״כ באַ ועשה טוב איז וויכטיק אַז דאָס זאָל זיין לשמה, ער זאָל עס טאָן מיט דער שלימות׳דיקער כוונה פאַר דעם אויבערשטן, ניט צוליב זיך, וויבאַלד אַז דורך דעם איז ער ממשיך אלקות למטה, ער מאַכט אַ דירה לו ית׳ בתחתונים, דאַרף די מעשה זיין ווי עס דאַרף זיין עס זאָל אין דעם שורה זיין אלקות (ובמילא טאָר זיך אין דעם ניט אַריינמישן קיין פני׳ ח״ו).

און דעריבער זאָגט מען[44] „לעולם יעסוק אדם בתומ״צ אע״פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה", אַז דער טעם וואָס עס דאַרף זיין דער עסק אפילו שלא לשמה, איז ניט ווייל אויך די עבודה איז מספיק (דהמעשה הוא העיקר[45]), נאָר ווייל ער וועט עי״ז סו״ס קומען צום מכוון ותכלית, עבודה לשמה, וואָס דעמאָלט ווערט די שלימות הדירה בתחתונים[46].

יו״ד. כשם ווי דאָס איז אין עבודת האדם, עד״ז איז דאָס אויך אין עניני הבריאה וואָס פון זיי מאַכט מען דעם משכן לו ית׳, אַז אין דערויף זיינען דאָ דיביידע ענינים:

א) דער סור, דאָס אַרויסגיין פון רשות פון „וועלט" וואָס געפינט זיך תחת ממשלת קליפת נוגה[47] — בדוגמת ענין סור מרע, ב) דאָס אַריינגיין אין רשותו של הקב״ה, עס ווערט הקדש, ועי״ז אַ מקום משכן פאַר דעם אויבערשטן — דוגמת ענין ועשה טוב.

און עפ״ז איז מובן, אַז כאָטש ממשכנין על השקלים, די נתינה איז בע״כ של הנותן — ווייל אין דעם ענין פון סור מרע מוז ניט זיין קיין כוונה (לשמי), עס איז בעיקר נוגע דער בפועל, צונעמען פון ממשלת קליפת נוגה — איז אָבער די לקיחה, שע״י הגזבר, וואָס דורכדעם גייט דאָס אַריין אין רשות ההקדש, דאַרף זיין „לשמי".

יא. די צוויי ענינים זיינען מבואר אין די צוויי טייטשן אין וואָרט „תרומה" (כנ״ל) — הפרשה און הרמה והגבהה:

הפרשה, וואָס מיינט כפשוטו אַז עס ווערט אָפּגעטיילט פון אַן אַנדער חלק מיט וואָס דאָס איז געווען מעורב[48], ווייזט אויף דער פרישה פון עניני חול. און אַזוי איז עס אויך בשייכות להאדם, אַז דאָס ווערט מופרש פון זיין רשות; און דער פירוש פון הרמה והגבהה מיינט כנ״ל, אַז דאָס ווערט אויפגעהויבן, גייט אַריין אין רשות הקדש.

און דאָס איז רש״י מרמז מיטן שרייבן „לי לשמי" נאָכן מעתיק זיין „ויקחו לי תרומה", פאַר זיין פירוש „תרומה הפרשה" (ומובן, אַז פאַר זיין פירוש „תרומה הפרשה" טייטשט מען תרומה כפשוטה ממש — לשון הרמה) — ווייל דער ענין פון „לשמי" איז וויכטיק (בעיקר[49]) אין דעם ענין ההרמה, אין דער כניסה לרשות הקדש, און ניט אַזוי אין דעם ענין פון הפרשה פון רשות הדיוט.

יב. די הוראה דערפון אין עבודת ה׳:

בשעת אַ איד גייט באַווירקן אַ צווייטן

---

44) פסחים נ, ב. וש״נ. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד ס״ג.

45) אבות פ״א מי״ז.

46) ראה גם לקו״ש ח״ה ע׳ 245 הערה 37.

47) תניא פ״ז.

48) ראה לקו״ש ח״ט ע׳ 168.

49) אבל טובה גם בההפרשה (שנעשית ע״י הגיזברין בלקיחתם) — שלכן קיים הפי׳ „לי לשמי" גם לאחרי שפרש״י „תרומה הפרשה".

אידן, אים מקרב צו זיין צו תורה ומצוות, ער גייט מקיים זיין די מצוה פון הוכח תוכיח את עמיתך[50], קען ער ביי זיך טראַכטן: בשלמא ווען עס רעדט זיך וועגן זיין אייגענעם קיום התומ״צ איז וויכטיק אַז זיין עבודת ה׳ זאָל זיין כדבעי „לשמה״; בשעת עס רעדט זיך אָבער וועגן פועל זיין אויף אַ צווייטן, איז דאָך נוגע בעיקר דער בפועל — אַז יענער זאָל אָנהייבן לייגן תפלין, זיך אָפּהאַלטן פון אַן עבירה, וכיו״ב; אָבער דער אופן ווי ער פועל׳ט דאָס אויף יענעם איז לכאורה ניט (אַזוי) נוגע. קען זיך אין זיין תוכחה אַריינמישן אַ הרגש היפך פון אהבת ישראל, אָדער עכ״פ בדקות דער הרגש אַז ער איז דער מוכיח, ער איז שענער פאַרן צווייטן א.ז.וו.

ער ווייסט טאַקע אַז דאָס איז אַ חסרון אין זיין עבודת ה׳, ער איז נאָך ניט קיין מבורר און ביי אים איז נאָך דאָ אַ הרגש פון ישות — אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיטן צווייטן? קבל האמת ממי שאמרו[51], ובפרט בנוגע לסור מרע איז דאָך זיכער ניט נוגע די כוונה, כנ״ל.

אויף דעם איז די הוראה, אַז אָט דער חשבון איז נאָר פאַרן צווייטן — ער דאַרף וועלן אַנטלויפן פון רע אויף וועלכן וועג ס׳זאָל נאָר זיין; דער אָבער וואָס גייט פועל׳ן על זולתו איז אויך ווען עס האַנדלט זיך וועגן סור מרע, דאַרף ער עס טאָן „לשמה״, ווייל זיין פעולה אויף אַ צווייטן איז ביי אים אַלעמאָל אַן ענין פון „ועשה טוב״, אַן ענין חיובי וואָס דאַרף זיין „לשמה״; ובפרט נאָך אַז מ׳זעט אַז ווען עס פעלט באַ אים דער ריינער „לשמה״, עס מישט זיך אַריין אַן אייגענע פני׳ וכיו״ב, דעמאָלט פעלט ניט נאָר אין זיין עבודה, נאָר עס פעלט אויך אין דער פעולה (כדבעי) אויפן צווייטן.

און דעריבער איז אל יטיל אימה על הצבור שלא לשם שמים אויך בנוגע צו אַ זהירות אין סור מרע וכיו״ב, ווייל וויבאַלד ס׳איז אין דעם אַריינגעמישט אַ הרגש הפכי, וועט זיך דורכדעם ניט אויפטאָן דער מכוון כדבעי.

בשעת אָבער ער טוט זיין עבודה „לש־מי״ — אפילו ווען דאָס איז בע״כ, פאַר־בונדן מיט אַ פעולה של כפי׳ — מעשין על הצדקה וכיו״ב — איז „שכרו גדול משכר הנותן שנאמר והי׳ מעשה הצדקה שלום ועל גבאי צדקה וכיוצא בהם אומר ומצדיקי הרבים ככוכבים״[52], און „גדולה צדקה (כולל גם צדקה זו) שמקרבת את הגאולה[53].

(משיחות ש״פ תרומה תשכ״ה)

50) קדושים יט, יז.

51) פיה״מ הקדמה לאבות (העתקת קאפח). הרמ״א בהקדמתו למחיר יין.

52) רמב״ם הל׳ מת״ע פ״י ה״ו. מב״ב ט, א.

53) ב״ב יוד, א.